**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/1/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ס׳ ראיאנישע מערב ניו יארק אפיס 25 מיליאן דאלערדיגע געווינער פון פעדעראלע ׳בילד בעק בעטער׳ ראיאנישע פארמעסט**

***געווינענדע פלאן וועט מאכן וואקסן פארגעשריטענע פאבריצירונג ארבעטסקראפט, אינאוואציע און אינפראסטרוקטור לענגאויס דעם ראיאנישן עקא-סיסטעם***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז ניו יארק סטעיט׳ס ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ מערב ניו יארק ראיאנישע אפיס איז געשאנקען געווארן 25 מיליאן דאלער פון דעם פעדעראלן ׳בילד בעק בעטער׳ פארמעסט, דער יו-עס עקאנאמישע אנטוויקלונג אדמיניסטראציע׳ס הויפט פראגראם אונטער דעם ׳אַמעריקען רעסקיו פלען׳. דער ׳בילד בעק בעטער׳ ראיאנישע פארמעסט שטעלט צו טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען אויסצוארבעטן און שטערקער מאכן ראיאנישע אינדוסטריע געזעמלען לענגאויס דעם לאנד, און גלייכצייטיג צושטעלן עקאנאמישע יושר, שאפן גוט באצאלטע דזשאָבס און שטערקער מאכן אמעריקאנער פארמעסטערישקייט איבער דער וועלט. ניו יארק סטעיט׳ס געווינענדע אפליקאציע וועט אויסארבעטן אדער פארגרעסערן פארגעשריטענע פאבריצירונג, אויסארבעטן און טרענירן די ארבעטסקראפט פון היינט און בויען מער שטאנדהאפטיגע עקאנאמיעס פאר׳ן צוקונפט.

״באפעלאו איז א גרויסע געווינער אין פרעזידענטביידען׳ס ׳בילד בעק בעטער׳ פארמעסט, וואס וועט צושטעלן אינוועסטירונגען וואס וועלן אונטערהייבן געוויסע סעקטארן געצילט אין די געווינענדע ראיאנען,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די 25 מיליאן דאלערדיגע געשאנק וועט פינאנצירן ביזנעסער לענגאויס באפעלאו, טרייבן העכער-צאלנדע דזשאָבס און עקאנאמישע אויפשטייג, און אינאווירנדע ענטרעפּרענעורשאפט פון באפעלאו איינוואוינער. קאנגראטולאציעס צו די געווינענדע קאמיוניטיס, און איך קוק ארויס מיט חשק צו זען ווי זיי נעמען זייערע פראיעקטן צום נעקסטן שטאפל.״

׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ס׳ מערב ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל (WNY REDC) אין צוזאמענארבעט מיט אוניווערסיטעט ביי באפעלאו ראיאנישע אינסטיטוט (UBRI) וועט איינפירן דעם געווינענדן פארשלאג וואס רעכנט אריין פראיעקטן וואס וועלן פארגרעסערן עקזיסטירנדע פארגעשריטענע פאבריצירונג סטראטעגיעס דורך פראיעקטן וועלכע טרייבן אינאוואציע, פירן פאראויס אריינגעמיגע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג, און אנטוויקלען נייטיגע אינפראסטרוקטור. צוזאמארבעטער וואס EDA האט זיי געשאנקען נעמען אריין באפעלאו אורבען דעוועלאפמענט קארפאראציע; באפעלאו מעניופעקטשורינג ווארקס; און גודוויל אָוו WNY.

**׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענטקע, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** ״מערב ניו יארק וועט געניסן פון טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וואס וועלן אויסארבעטן און שטערקער מאכן העכסט-נייטיגע אינדוסטריע קלוסטערס. אינאיינעם מיט סטעיט פארגליכענע סומעס,

וועלן מיר קענען טרענירן די ארבעטסקראפט פון היינט און שטערקער מאכן די עקאנאמיעס פון די געווינענדע ראיאנען.״

די דריי פינאנצירטע פראיעקטן נעמען אריין:

- **קלענערע און מיטלמעסיגע גרויסקייט פאבריצירער פאבריצירונג טעכנאלאגיע פראגראם / ׳באפעלאו מעניופעקטשורינג ווארקס׳**
  דער פראיעקט וועט שאפן א רעדל פון טעכנאלאגיע אינאוואציע צו באקומען שטיצע איבערצוקומען מניעות צו ערפאלגרייכע טעכנאלאגיע איינפירונג, שטיצן א מער עקאנאמיש-פילפארביגע ראיאן. ׳באפעלאו מעניופעקטשורינג וואָרקס׳ וועט בויען אן אינדוסטריע 4.0 עקא-סיסטעם וואס ניצט אויס פיר יאר צוזאמענארבעטשאפטן און ארבעט מיט SMM׳ס אריינגערעכנט בפועל׳דיגע טרענירונג פאר עקזיסטירנדע ארבעטער און הויך-שולע סטודענטן; ארגינעל געצייג פאבריצירער פארבינדונגען און נעטוואָרקינג צוזאמקונפט פראגראמען.

- **׳גודסקילס׳ קאריערע בויען/׳גוּדוויל׳ פון מערב ניו יארק**
  דורך ארבעטן אינאיינעם מיט ארבעטסגעבער און טרענירער, וועט ׳גוּדוויל׳ פארברייטערן פארגעשריטענע פאבריצירונג קאריערע אויפגאנג-ראמפעס, פאקוסירנדיג אויף אונטערפארטרעטענע יחידים און אונטערסערווירט קאמיוניטיס אין אינער-שטאטישע און רוּרעל געגנטער. ׳גוּדסקילס קערייער בילדער׳ וועט פירן יחידים פון אונטערבאשעפטיגטקייט צו פולשטענדיגע קאריערעס דורך רעקרוטירן, אפשאצן, טרענירן, דזשאָב פלאצירן, אנהאלטן און ארומנעמיגע שטיצע.

- **נארטלענד קארידאר ווידער-אנטוויקלונג פאזע 3/׳אורבען דעוועלאפמענט קארפארעישען׳**
  דער פראיעקט וועט אנהייבן צו רענאווירן / אויפריכטן פארבליבענע געביידעס אויף׳ן קאמפוס נאכצוקומען שטייגנדע ארט פארלאנג פון דעם אויפשטייגנדן פאבריצירונג צענטער לענגאויס נאָרטלענד עווועניו אויף באפעלאו׳ס איסט סייד. באפעלאו ׳אורבען דעוועלאפמענט קארפארעישען׳ וועט ווידער-אנטוויקלען צוויי באדייטנדע אינדוסטריעלע געביידעס, פארטיגן א ריינע ענערגיע מייקראָ-גריד און שטערקער מאכן אינפראסטרוקטור צו שאפן ליעסבארע ארט פאר ארטיגע פאבריצירער און ארבעטסקראפט טרענירונג געלעגנהייטן; מאכן וואקסן נייע דזשאָבס / ביזנעסער; און צושטעלן ביליגע עלעקטרישע קראפט צום קאמפוס און דערנעבנדן רעזידענשעל געגנט אויף צו שטיצן יושר׳דיגע דעוועלאפמענט אין אן אנגעשטרענגטע קאמיוניטי.

**סענאטאר טשאָק שומער האט געזאגט,** ״דאס איז אן איינמאל-א-דור׳יגע געלעגנהייט וואס קען טראנספארמירן מערב ניו יארק׳ס לעגאט אלס א מאכטפולע אינדוסטריעלע צענטער אויף א נייעם נאציאנאלן פארגעשריטענע פאבריצירונג און טעכנאלאגיע צענטער, צוריקברענגענדיג גוט באצאלטע דזשאָבס פון אויסלאנד און טרענירן אונזער ארבעטסקראפט צו יושרדיג געניסן פון די נייע געלעגנהייטן. דער 25 מיליאן דאלערדיג געשאנק, פאר וועלכן מיר דאנקען פרעזידענטביידען און קאָמערס סעקרעטאר רעימאנדא, וועט העלפן צוריק אויפלעבן איסט באפעלאו און ווייזן דעם רעשט פונ׳ם לאנד דאס וואס איך האב שוין לאנג געוואוסט: מערב ניו יארק קען זיין דער יסוד פאר אמעריקע׳ס פארגעשריטענע פאבריצירונג צוקונפט. איך האב זיך צוגעקוקט, אויסגעהערט און געלאזט הערן ווייטער די שטימעס פון די איינוואוינער פון מערב ניו יארק ביז׳ן פרעזידענט אליין — כדי צו העלפן מאכן די היסטארישע באמיאונג אויף צו פארברייטערן שטיצע פאר קלענערע און מיטלמעסיגע פאבריצירער און

ארבעטסקראפט טרענירונג א ווירקליכקייט. די פינאנצירונג וועט זיכער מאכן אז דער איסט סייד קאמיוניטי און מערב ניו יארק ציען זיך אויף פאראויס אין די באמיאונג צו שטיצן און פארברייטערן פארגעשריטענע פאבריצירונג אין אמעריקע.״

**סענאטארקע קירסטען דזשיליברענד האט געזאגט,** ״די פינאנצירונג פארטרעט א באדייטנדע אינוועסטירונג אין מערב ניו יארק׳ס פאבריצירונג סעקטאר און וועט שאפן דזשאָבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן אין איסט באפעלאו. ווי איך האב געשריבן צו סעקרעטאר ריימאנדא אין מערץ, וועט די פינאנצירונג אינוועסטירן אין מערב ניו יארק׳ס פארגעשריטענע פאבריצירונג קארידאר, שטיצן אן אריינגעמיגן ארבעטסקראפט, און צושטעלן די נייטיגע אינפראסטרוקטור פאר די וואוקס פון פארגעשריטענע פאבריצירונג אלס א הינזיכט פון דער ראיאנישער עקאנאמיע.״

**קאנגרעסמאן ברייען היגינס האט געזאגט,** ״די אנערקענונג פון דעם גרענט דורך דערביידען אדמיניסטראציע איז א באשטעטיגונג פון דאס וואס מיר ווייסן שוין פון פריער: מערב ניו יארק איז דער היים ארט צו א צאל אויסגעצייכנטע ארגאניזאציעס מיט די קענטעניס צו העלפן צושטעלן נייע עקאנאמישע געלעגנהייטן און שאפן דעם נעקסטן דור פון דזשאָבס. ESD׳ס ערפאלגרייכע ׳בילד בעק בעטער׳ ראיאנישע פארמעסט גרענט וועט אויפלעבן די ארבעט פון ׳גוּדוויל׳ פון מערב ניו יארק, ׳באפעלאו מעניופעקטשוּרינג וואָרקס׳ און דעם באפעלאו ׳אורבען דעוועלאפמענט קארפארעישען׳ אויף אונטערצוהייבן נייע קאריערעס און קלענערע ביזנעסער.״

**EWI פרעזידענט און CEO הענרי סיאלאון האט געזאגט,** ״׳באפעלאו מעניופעקטשוּרינג וואָרקס׳ אפערירט דורך EWI איז באגייסטערט צו זיין א טייל פון דעם מערב ניו יארקער טיעם וואס פאקוסירט אויף מאכן וואקסן די פארגעשריטענע פאבריצירונג סעקטאר דורך אינוועסטירונג אין אינאווירנדע טעכנאלאגיעס, ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און אינפראסטרוקטור. דער ׳בילד בעק בעטער׳ גרענט אויסטיילונג וועט אונז ערמעגליכן צו שטיצן די געברויכן אן וואוקס פון קלענערע און מיטלמעסיגע פאבריצירער אזוי ווי זיי פירן איין אויפקומענדע טעכנאלאגיעס צו ווערן מער פארמעסטעריש אויף אן אלוועלטליכן פארנעם. די אויסטיילונג וועט ווייטער שטיצן דעם ארגינעלן ׳עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט׳ בליק פון א בליענדער ׳נאָרטלענד מעניופעקטשוּרינג קארידאר׳, און מיר קוקן ארויס צו זען ווי די צוזאמענארבעט טוט נאך ווייטער שטייגן.״

**׳גוּדסקילס קעריער בילדער׳ / ׳גוּדוויל׳ פון מערב ניו יארק פרעזידענט און CEO טאמאס אולבריטש האט געזאגט,** ״מיר זענען באגייסטערט אויסצוניצן די פינאנצירונג צו פארברייטערן געלעגנהייטן און גרייט מאכן אונטערסערווירטע יחידים אין איסט באפעלאו און לענגאויס מערב ניו יארק פאר קאריערעס אין פארגעשריטענע פאבריצירונג.״

**BUDC פרעזידענט, ברענדיי מעריוועטער און BUDC עקזעקיוטיוו וויצע פרעזידענט, רעבעקא גאנדור, האבן געזאגט,** ״דער מערב ניו יארק ראיאן און באפעלאו ׳אורבען דעוועלאפמענט קארפארעישען׳ זענען גוט פלאצירט אויף זיך צו פארמעסטן פאר דעם ׳בילד בעק׳ פארמעסט צוליב די סטראטעגישע בליק פון מעיאר בייראן וו. בראון, BUDC׳ס פארזיצער, און די ריזיגע שטיצע פון אונזערע ראיאנישע צוזאמארבעטער אין ווידער-אנטוויקלען דעם ׳נאָרטלענד קארידאר׳ אלס א פארגעשריטענע פאבריצירונג צענטער. די אויסטיילן אנערקענט די וויכטיגקייט וואס פארגעשריטענע פאבריצירונג שפילט אין אונזער ראיאנישער עקאנאמיע און ציייגט אז א שטארקע ארבעטסקראפט, אינוועסטירונג אין אונזער אינפראסטרוקטור, און א פאקוס אויף אינאוואציע זענען דער שליסל צו א ווידערשטאנד-פעאיגע און שטאנדהאפטיגע עקאנאמישע צוקונפט. BUDC שטאלצירט זיך צוזאמצוברענגען די באשטאנדטיילן אין איסט באפעלאו, און ווייטער אוועקשטעלן דעם נאָרטלענד קארידאר אלס א צענטער פאר וואוקס און געלעגנהייט פאר אונזער ארטיגער קאמיוניטי.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418